# וויין ניט, מאַמע

מאַמע, וואָס וויינסטו
אַזוי פֿיל אַצינד?
דו קענסט נאָך פֿון וויינען
ווערן בלינד.

איך וויין אויף די צרות
פֿון אונדזערע ברידער, מײַן קינד,
שווער שטראָפֿט אונדז גאָט
פֿאַר נישטיקע זינד.

מאַמע, דו לעבסט
אין אַ גאָר גרויסן טעות.
עס שטראָפֿט אונדז ניט גאָט
און ניט דער מלאך המוות.

דאָרט פֿליט אַן אָדלער אַ ווילדער.
זייט טויט ווי אין אַ בייט;
מיט אַ טומל אַ געפילדער
איבער מענטשן און שטעט.

וויין ניט, מאַמע,
האַלט אײַן דײַנע טרערן.
מיר מוזן אין פֿלאַמען
דעם אָדלער פֿאַרצערן.

די מערדער דערשלאָגן
זיי זאָלן קיינמאָל ניט שטרעבן.
מער די קעפּ אויפֿהייבן
וועלן מיר רויִק קענען לעבן.